ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"





A project of the Shluchim Office

## כ"א אדר ב' תשס"ה

## פרשת שמיני

טייערע קינדער שלוחים,

דעם חדש פון אדר האט זיך כמעט געענדיקט.

דאס מיינט אז מיר דארפן יעצט זיין אויף די העכסטע דרגה פון שמחה, ווייל אין יעדער טאג פון אדר דארף אונזער שמחה ווערן העכער!!

ווען א איד איז בשמחה באווייזט ער זיינע אמונה און בטחון אין דער אויבערשטער, און דער אויבערשטער שיקט אים נאכמער גוטס! זאל דער אויבערשטער אונז אלע שיקן גוטס, ובעיקר, די גוטס פון משיח נאו!!

אײדלה וועכטער

## א הוראה פון רביצין ח"ה מושקא

איין טאג האט רביצין חי' מושקא געקלונגען צו ר' מענדל נאטיק. ר' מענדל נאטיק איז געווען א בחור וואס האט געהאלפן רביצין חי' מושקא מיט זאכן וואס זי האט געדארפט אין שטוב.

די רביצין האט אים געפרעגט אויב ער האט געקענט קומען מיט איר צו דעם פלאץ וואו זי האט געדארפט גיין.

"זיכער!" האט מענדל געענטפערט. אזא זכות לאזט מען ניט אדורך...

דערנאך האט דער רביצין ווייטער געזאגט "איך וויל זיך ניט אריינמישן אין דיינע ענינים, אבער אויב דו האסט נאך ניט געדאוונט, וואלט איך געוואלט בעסער גיין אליין."

מענדל האט טאקע נאך ניט געדאוונט. האט ער געענטפערט אז ער האט נאך ניט געדאוונט, אבער ער קען מיטקומען און דערנאך דאווענען ווען ער קומט צוריק.

דער רביצין האט געהערט וואס ער האט געזאגט, אבער זי האט ניט מסכים געווען.

"איך האב געלערנט אין מיין היים", האט די רביצין געזאגט, "אז דער ערשטע זאך וואס א איד מוז טאן אינדערפרי איז דאווענען."

דער רביצין איז געגאנגען אליין.

*קינדער, דער רביצין לערנט אונז אז פון אלע וויכטיקע זאכן מוז א איד מאכן זיכער מאכן אנפאנגן זיין טאג מיט דאווענען, אונזער פארבונד מיטן אויבערשטן.*

## לעבן מיט דער צייט

### פרשת שמיני

**ויראו כל העם וירונו**

**ותצא אש מלפני ה' וגו' וירא כל העם וירונו ויפלו על פניהם.** דאס מיינט: אידן האבן דערזען דעם גילוי שכינה אין דעם טאג ווען מ'האט אויפגעטעלט דעם משכן, האט דאס געבראכט אידן צו א שמחה גדולה.

און ווי רש"י טייטשט אפ "וירונו - **כתרגומו**" ("וירונו" מיינט ווי דער טייטש פון תרגום), וואס דער תרגום זאגט "ושבחו" - אידן האבן געלויבט דעם אויבערשטן פאר דעם גילוי שכינה וואס איז געקומען אין משכן.

ובפרט איז די שמחה גרויס מצד דעם וואס דער גילוי שכינה איז געווען אין "**מעשה ידיכם**", ווי די ברכה וואס משה און אהרן האבן געבענטשט אידן: "אמרו ויהי נועם ה' אלקינו עלינו, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם". (זיי האבן געזאגט, זאל דעם זיסקייט פון דער אויבערשטן זיין אויף אונז, זאל דער אויבערשטן רוהען אין די ארבעט פון אונזער הענט).

דערפון איז א הוראה פאר יעדער אידן:

צום אלעם ערשטן לערנט אונז תורה, אז גלייך ווען א איד וויל, דערזעט ער געטלעכקייט, און דערפילט אז "**הנה ה' נצב עליו...ובוחן כליות ולב**" (דער אויבערשטער שטייט איבער אים און קוקט זיך איין צי דינט ער דעם אויבערשטן ווי ער דארף).

און דערנאך דארף דאס אים ברענגען צו א מצב של שמחה, "וירונו - ושבחו": ער זאגט א פרייליכן ניגון וויסנדיק אז דער אויבערשטער האט אים אויסגעקליבן און אנטפלעקט זיך צו אים און האט אים געגעבן פארשידענע מצוות, ביז עס ווערט דער "**ישמח ישראל בעושיו**" (אידן פרייען זיך מיטן אויבערשטן) מיט דער אמת'ער שמחה.

*(פון דער רבי' רעדט צו קינדער - שיחת י"ח ניסן תשמ"ה, תנש"א)*

# דעם חסידיש'ן לוח

# מנהגי יום הולדת

## כ"ה אדר

יום הולדת פון רביצין חי' מושקא

*הרב אלקסנדר סענדער רייניץ, וואס ער מיט זיין ווייב זיינען געזוען זייער נאענט מיט דער רבי און רביצין חי' מושקא אין פאריז, האט דערציילט דעם מעשה.*

יעדער שבת פלעג איך גיין פאר א שפאציר מיט מיין פרוי. איין שבת האבן מיר צו אונזער גרויס פרייד געטראפן דער רבי און זיין הייליקע רביצין.

מיר האבן זיי אנגעוואונטשען א גוט שבת, און דערנאך האב איך געפרעגט דער רבי, "איך מיט מיין ווייב זיינען פשוט'ע אידן, און מיר גייען צוזאמען שבת אויף א שפאציר. אבער איר, דעם איידים פון דער (פריערדיקע) רבי, אייער צייט איז אזוי טייער: ווי קומט עס אז איר גייט שבת פאר א שפאציר?"

האט דער רבי געענטפערט "ווען די בת מלך– טאכטער פון קעניג– וויל גיין, גייט מען!!"

רביצין חי' מושקא איז טאקע געווען א בת מלך. ווי מיר האבן געזען אין אירע אויפפירונגען פון "כל כבודה בת מלך פנימה."

רביצין חי' מושקא איז געבארן געווארן שבת קדש כ"ה אדר תרס"א. זי איז געבארן געווארן אין שטאט באבינאוויטש -א שטאט נאענט צו ליובאוויטש –צו דער פריערדיקע רבי און זיין רביצין.

גלייך נאך שבת, האט דער פריערדיקע רבי געשיקט א טעלעגראם צו זיין הייליקע טאטע - דער רבי רש"ב (וואס ער איז געווען אין אן אנדערע פלאץ צוליב זיין געזונט) אז עס איז געבארן געווארן צו אים א מיידל.

דער רבי רש"ב האט גלייך צוריקגעשיקט א טעלעגראם שרייבנדיק אז אויב מען האט איר נאך ניט געגעבן א נאמען, זאל מען איר געבן א נאמען **חי' מושקא** ווי דער רביצין פון דער צמח צדק.

*(פאר די חתונה פון דער רבי מיט רביצין חי' מושקא האט הרב החסיד הרב הגאון ר' לוי יצחק - טאטע פון דער רבי– זיי אנגעוואונטשען אז זיי זאלן זיין געבענטשט ווי די צדיקים אויף וועמען זיי האבן געהאט א נאמען - דער צמח צדק און זיין רביצין חי' מושקא.)*

נאכדעם ווי דער רבי רש"ב האט געהערט אז מען האט איר געגעבן דעם נאמען חי' מושקא, האט דער רבי רש"ב געשיקט א ספעציעלע מזל טוב – טעלעגראם ..."אז דער אויבערשטער זאל איר שיקן לאנגע זיסע יארן ברוחניות ובגשמיות, און מיר זאלן אלע האבן אסאך נחת פון איר..."

פון ווען זי איז געבארן געווארן האט רביצין חי' מושקא ארייגענומען אסאך קדושה פון איר זיידע און טאטעס שטוב. רביצין חי' מושקא איז טאקע געווען אן אמת'ע קעניגן.

## פרשת פרה




דעם שבת לייינט מען פרשת פרה אין שוהל. פרשת פרה איז די דריטע פון די פיר ספעציעלע פרשיות וואס מען לייינט פאר פסח. די פרשה רעדט וועגן די מצוה פון פרה אדומה.

דעם אש פון די פרה איז אויסגעמישט געווארן מיט וואסער פון א לעבעדיקע קוואל, און אנגעשפריצט געווארן אויף איינער וואס איז געווארן טמא. דאס האט אים געמאכט טהור נאכאמאל.

דער רמב"ם שרייבט, "ניין מאל האט מען געמאכט א פרה אדומה פון די צייט ווען די אידן זיינען אנגעזאגט געווארן וועגן די מצוה, ביז דעם צווייטן בית המקדש איז חרוב געווארן. דער צענטער פרה וועט צוגעגרייט ווערן דורך משיח צדקינו זאל ער נתגלה ווערן, אמן כן יהי רצון."

*פון דעם וואס דער רמב"ם זאגט 'מהרה יגלה אמן כן יהי רצון' אין מיטן דעם הלכה, לערנען מיר א געוואלדיקע הוראה: אין אלץ וואס מען טוט און לערנט, מוז מען אלעמאלווארטן און בעטן אויף משיח.*

מיר לייענען וועגן די פרה אדומה פאר פסח אונז צו דערמאנען אז מיר מוזן זיין טהור איידער מען ברענגט דעם קרבן פסח.



כ"ה אדר תשמ"ח, נאך די הסתלקות פון דער רביצין, האט דער רבי געזאגט א שיחה וועגן יום הולדת, און ערקלערט די מנהגים וואס מען זאל טאן אויף א יום הולדת.

א. איגנעלאך עלטער פון בר מצוה זאלן האבן אן עלי' צו די תורה דעם שבת פארן יום הולדת

ב. געבן צדקה פאר שחרית און מנחה

ג. דאווענען מיט מער כוונה

ד. זאגן איינע פון די ספרים פון תהילים

ה. לערנען די נייע קאפיטל תהילים וואס איז שייך צו דעם נייע יאר אין וואס מען גייט אריין

ו. לערנען עפעס איבעריג אין נגלה און חסידות

ז. לערנען א חלק פון א מאמר בעל פה, און זאגן דאס איבער

ח. גיין אויף מבצעים מיט אמת'ע אהבת ישראל

ט. נעמען צייט צו טראכטן אליין אויף דיין פארגאנגענע יאר, און נעמען אן א ספעציעלע החלטה פאר דעם נייעם יאר

י. מאכן א פארברענגען מיט משפחה און פריינט אפצודאנקן דעם אויבערשטן, און אויב דו קענסט, מאכן א ברכה שהחיינו אויף א נייע פרוכט!!

## משיח נאו

"ציון במשפט תפדה ושבי'ה בצדקה" עס שטייט אז ארץ ישראל וועט האבן איר גאולה און די אידן וועלן צוריקגיין צו איר מיט צדקה. דאס מיינט אז אין זכות פון צדקה וועלן מיר האבן די גאולה. לאמיר זיין זייער פארזיכטיג אלעמאל צו געדענקן געבן צדקה פאר דאווענען און דורך דעם טאג: און דורך דעם טאקע ברענגען משיח נאו!!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, כ"ו אדר ב', און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

# שאלות—פרשת שמיני

1. וואס דארף ברענגען א איד צו גרויס שמחה? ______________________

2. ווען איז רביצין חי' מושקא געבארן געווארן? ______________________

3. וואו איז רביצין חי' מושקא געבארן געווארן? ______________________

4. ווער איז געווען אירע טאטע? ______________________

5. ווער האט אויסגעקליבן איר נאמען? ______________________

6. אויף וועמענס נאמען האט מען איר אנגערופען? ______________________

7. ווען האט דער רבי' געזאגט א שיחה וועגן יום הולדת? ______________________

8. וואס זיינען צוויי פון די זאכן וואס מען טוט פאר זיך אויף א יום הולדת?

א. ______________________ ב. ______________________

9. שרייב צוויי זאכן וואס מען טוט מיט אנדערע אויף א יום הולדת.

א. ______________________ ב. ______________________

10. וועלכע מצוה האט א ספעציעלע כח צו ברענגען גאולה? ______________________

______________________________________________

נאמען: ______________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ______________________________

אי-מייעל: ______________________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org